ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 79

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## דארף מען אויפוועקן די קינדער אינדערפרי?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין נישט קיין ברסלב'ער חסיד, פון דעסט וועגן לערן איך יעדע וואך די וועכנטליכע קונטרסים עצתו אמונה, אשית עצות בנפשי, שיעורי חינוך, און גליון היכל הקודש, און ברוך ה' אז זייט מיינע בחור'ישע יארן, שוין איבער צוואנציג יאר, וואס איך בין מעביר סדרה יעדע וואך די פרשה אום פרייטאג, און איך האב שוין אויך זוכה געווען צו ענדיגן עטליכע מאל ששה סדרי משנה מיט'ן ברטנורא, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.*

*איך האב געזען איינעם קונטרס אשית עצות בנפשי פון פרשת אמור אז א טאטע דארף אויפוועקן די קינדער, און נישט ארויסגיין פון הויז ווען דאס קינד שלאפט נאך; דאס איז אבער אנדערש פון וואס איך האב געזען און געהערט איבער דעם ענין פון בין הזמנים, ווען א זעכצן יעריגער בחור איז אינדערהיים, צי דער טאטע זאל זיין דער פאליציי מאן פונעם בחור, אים אויפצואוועקן אין צייט צו קריאת שמע און דאווענען, אדער זאל ער אים אויפוועקן איינמאל און פון דארט און ווייטער איז די אחריות אויפ'ן בחור אליין, און די שיטה פון יעדן איז אז אויב וועט דער טאטע שטיין צופיל אויפ'ן קאפ פונעם בחור, וועט ער אים מער דערווייטערן.*

*איך וויל וויסן אויב דער ראש ישיבה שליט"א האלט אנדערש, אדער רעדט דער ראש ישיבה פון קלענערע קינדער וואס מען קען נאך גרינגער מחנך זיין?*

*איך האף צו באקומען א קלארע ענטפער אויף דעם, נישט א כלליות'דיגע ענטפער איבער די חשיבות פון מעביר סדרה זיין און לערנען משניות, וואס דאס ווייס איך שוין פאר איבער צוואנציג יאר.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ח' סיון, אסרו חג, שנת תשפ"ה לפרט קטן

... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### עס ווענדט זיך אויב ס'איז דא ליבשאפט

עס ווענדט זיך לויט די ליבשאפט צווישן דער טאטע מיטן קינד; איז דא ליבשאפט - מעג מען זאגן און מען דארף זאגן און מען פועל'ט מיטן זאגן, אז עס איז דא ליבשאפט צווישן טאטע און קינד - וועט דער טאטע פועל'ן, אויב איז נישטא ליבשאפט און נאנטקייט - דעמאלט איז נישט כדאי צו זאגן, ווייל נישט נאר עס וועט נישט אויפטון, עס וועט נאר ערגער מאכן.

### נאר אזוי קען מען פועל'ן

דאס איז א גרויסע און וויכטיגע כלל ביי עלטערן וואס ווילן פועל'ן ביי קינדער ווי אזוי זיך צו פירן, און ביי מחנכים וואס ווילן מחנך זיין די תלמידים, און אויך ביי מאן און ווייב; אז מען וויל עפעס פועל'ן, מען וויל זאגן וכו' - דארף זיין ליבשאפט און נאנטשאפט. אזוי ווי מיר געפינען ביים אייבערשטן, די הייליגע חכמים זאגן (רש"י פרשת ויקרא, פסוק א): "לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים קָדְמָה קְרִיאָה לְשׁוֹן חִבָּה, לָשׁוֹן שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁין בּוֹ", ווען דער אייבערשטער האט געוואלט זאגן א מצוה פאר די אידן, האט ער קודם גערופן די אידן מיט א ליבשאפט, מיט א וועג ווי די מלאכים רעדן איינער צום צווייטן, מיט גרויס ליבשאפט, און נאכדעם געזאגט וואס מען דארף טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## פארוואס איז מיין ברודער אזוי נישט דרך ארצ'דיג צו מיין טאטע?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיין טאטע באקלאגט זיך מיר גאר אסאך וועגן מיין ברודער, אז ער ליידט אסאך פון אים, ער לאזט אים נישט מנוחה, א גאנצע שבת'דיגע סעודה איז ער פארנומען אז מיין טאטע טוט נישט ריכטיג די מנהגים אזוי ווי זיינע זיידעס און די חסידות פון וואו זיי קומען, און די זעלבע ביים דאווענען זאגט ער אים הערות אז עס פאסט נישט צו קוקן אין א ספר ביים דאווענען, און אזוי ווייטער אויף טריט און שריט. וואס א טאטע וואלט אפשר געדארפט זאגן פאר זיינע קינדער, זאגט דער בחור פאר זיין טאטע.*

*ביי די סעודה שבת בייטאג פליקט ער אראפ די חלה דעקל, ווייל אין די חסידות פון וואו אונזערע זיידעס קומען לייגט מען נישט קיין חלה דעקל שבת אינדערפרי. געוויסע ספרים באהאלט ער ווייל ער האלט נישט פון דעם, ס'באדערט אים ביז'ן נשמה אז מיין טאטע איז נישט קלאר לשיטתו מיט די מנהגים.*

*די פראבלעם הייבט זיך אן ווען מיין טאטע פרובירט אים עפעס צו זאגן, דעמאלט קען ער ווערן באליידיגט און זיך נעמען וויינען, און ווען מיין טאטע מאכט זיך נישט וויסנדיג פון אים, קען עס אויסקלאפן אז ער נעמט זיך טשעפען אנדערע קינדער.*

*ער האט נישט פיינט מיין טאטע, ער קען אפילו וועלן לערנען מיט אים וכדומה און מיין טאטע קען נישט כאפן וואס די פראבלעם איז. מיין טאטע טראכט אז אפשר דארף ער אוועקפארן פאר א שטיק צייט ער זאל נישט זיין מיט אים צוזאמען, וועט זיך עס באראוויגן; אפשר דארף מען אים פארשיקן אין א ישיבה אין א אנדערע שטאט אדער מדינה?*

*אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר זאגן וואס איז פשט פון דעם? וואס מוטשעט פאר דעם בחור? און וואס קען איך זאגן פאר מיין טאטע אן עצה?*

*יישר כח פאר אלעס וואס דער ראש ישיבה שליט"א איז מיר אזוי שיין מדריך.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חקת, ה' תמוז, שנת תשפ"ד
לפרט קטן

טייערער ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער פראבלעם איז אז מען לערנט נישט אויס קינדער די א' ב' פון דרך ארץ; קינדער דארף מען לערנען פון ווען זיי זענען נאך גאר יונג - דרך ארץ פאר טאטע מאמע. דער רבי זאגט (ספר המדות אות בנים, סימן סה): **"צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו"**, מען דארף אויסלערנען דעם קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג, ווען מען איז יונג קען מען גרינג בייגן דעם קינד זאל זיך אוסלערנען ווי זיך צו פירן מיט עלטערן.

### ער איז נישט שלעכט - עס איז א רחמנות אויף אים

ווען איך זע קינדער וואס פירן זיך נישט מיט דרך ארץ - האב איך זייער רחמנות אויף זיי אז מען האט זיי נישט מחנך געווען, און אנשטאט טראכטן אויפן קינד אז ער איז שלעכט, טראכט איך 'נעבעך, א רחמנות אויף אים, זיינע עלטערן האבן אים נישט געלערנט צו האבן דרך ארץ פאר טאטע מאמע'.

**ווען איך זע קינדער וואס פירן זיך נישט מיט דרך ארץ - האב איך זייער רחמנות אויף זיי אז מען האט זיי נישט מחנך געווען, און אנשטאט טראכטן אויפן קינד אז ער איז שלעכט, טראכט איך 'נעבעך, א רחמנות אויף אים, זיינע עלטערן האבן אים נישט געלערנט צו האבן דרך ארץ פאר טאטע מאמע'**

### "מען טאר נישט רעדן אזוי צו א טאטע און מאמע"

ווען מען איז עלטער - איז שווין אביסל שפעט, אבער מען קען נאך און מען דארף נאכאלץ לערנען דרך ארץ, און יעדע מאל א קינד זאגט עפעס פארן טאטן אדער מאמען נישט מיט דרך ארץ - דארף מען באמערקן און זאגן: "מען טאר נישט רעדן אזוי צו א טאטע און מאמע", צענדליגער און הונדערטער מאל דארפן קינדער הערן, פון קליינוויז אן - אז מען רעדט צו עלטערן מיט דרך ארץ און מיט גרויס הכנעה.

די פותרי חלומות, טעראפיסטן - זוכן פרישע מיטלען ווי אזוי מען קען מאכן עלטערן מיט די קינדער זאלן זיך אויסקומען, און רוב מאל העלפט דאס נישט; קומען זיי מיט א נייעם וועג פון צעטיילן די קינדער פון די עלטערן. די עצה און די וועג איז, מען זאל זאגן נאכאמאל און נאכאמאל פארן קינד: "צו א טאטע און מאמע רעדט מען נישט אזוי", "טאטע מאמע דארף מען מכבד זיין"; אמאל דארף מען זיין נאך מער שטרענג, אבער דער עיקר עצה איז זאגן נאכאמאל און נאכאמאל.

### אויסער חינוך דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן

מיין נישט אז דאס אליין איז די זאך, אויסער חינוך דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער. עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד וואס האט זוכה געווען צו טייערע ערליכע קינדער, ווען מען האט אים געפרעגט וואס איז דער סוד פון די הצלחה, האט ער געזאגט: "וואס מיינט איר, קינדער זענען עפעלעך וואס מען רייסט אראפ פון בוים? איך האב אסאך געוויינט צום אייבערשטן זיי זאלן זיין ערליכע אידן".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

### אנטלויפן פון זיך אליין

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ו' אדר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

... נרו יאיר

דאס וואס דו שפירסט כסדר ווי דיין קאפ פלאצט דיר, דו ווילסט אנטלויפן פון דיר וכו'; **דאס אלעס קומט ווייל דיין נפש איז הונגעריג פאר תורה,** דיין נפש וויל אנטלויפן צום אייבערשטן, דיין נשמה איז הונגעריג פאר תורה; דו קענסט זיך דאס אליינס איבערצייגן, אז דו וועסט לערנען תורה יעדן טאג, דו וועסט לערנען חומש - שניים מקרא ואחד תרגום איינגעטיילט לויט די טעג פון די וואך צו ענדיגן די פרשה, און אפאר פרקים משניות מיט אפאר שורות גמרא - וועסטו ווערן צופרידן מיט זיך, און דיין ווייב וועט זיין צופרידן, אלעס וועט גוט ווערן.

ליבער ברודער, זיי זיך מוסר נפש צו לערנען תורה יעדן טאג, מאך זיך א קביעות צו לערנען אין שטוב איידער דו גייסט שלאפן. אנשטאט סירטשן אויפן טעלעפאן, טעבלעט וכו' - נעם די הייליגע תורה, דאס וועט דיר געבן חיות. דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ח): **"עִיקַּר רוּחַ הַחַיִּים הוּא בְּהַתּוֹרָה"**, דער עיקר לעבעדיגע גייסט - ליגט אין די תורה; וואויל איז דעם מענטש וואס לערנט תורה.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**